Publié par l’Association pour l’Étude et la Diffusion de la Culture Yiddish et la Bibliothèque Medem

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש-לימוד און פֿון דער מעדעם-ביבליאָטעק

יאָר 4 , נומער 4 (19)

אייר תשנ״ט/אַפּריל 1999

# אַ ברית[1] צי אַ בונד ?

**ציַיטן בײַטן זיך, אַפֿילו אין אַ מדינה ווי פֿראַנקרײַך וואָס האָט זיך אַ מאָל אָנגערופֿן „די בכורטע[2] פֿון דער קירך“. אין אָט דער מדינה האָט אַ גרופּע סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן פֿאָרגעלייגט אַ נײַ געזעץ, וואָס מע האָט אים אָנגערופֿן „פּאַקס“. מיט דעם געזעץ וויל מען סוף־כּל־סוף אָנערקענען דאָס רעכט פֿון האָמאָסעקסועלע פּאָרן צו אַ בשותּפֿותדיק[3] לעבן, אַ רעכט וואָס מע האָט שוין לאַנג פֿאַרלאַנגט אין די פֿראַנצייזישע האָמאָסעקסועלע סבֿיבֿות[4].**

דער געדאַנק אַז מע מוז אָנערקענען דאָס דאָזיקע רעכט איז צום טייל אַרויסגעוואַקסן פֿון דער טאָג־טעגלעכער אַנטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט. אָבער די איידס־עפּידעמיע וואָס האָט זיך געיאַוועט[5] בײַם אָנהייב פֿון די אַכציקער יאָרן, און האָט געלאָזט בלאָז אַ שרעקלעכן ווינט פֿון קראַנקייט און טויט, האָט אויך אַרויסגערופֿן כּלערליי[6] סאָציאַלע פּראָבלעמען. אַ בײַשפּיל : יוקל מוז זיך אַריבערציִען פֿון זײַן דירה מחמת[7] דער אָפֿיציעלער דינגער איז געווען זײַן פֿאַרשטאָרבענער לעבנס־באַגלייטער, און יוקל האָט ניט קיין רעכט צו בלײַבן אין דער דירה. לויט דעם געזעץ איז ער אַ פֿרעמדער. אַפֿילו אויב דער געשטאָרבענער האָט געוואָלט אַז זײַן געליבטער זאָל ירשענען[8] זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן איז עס נישט מעגלעך, ווײַל דאָס פֿראַנצייזישע געזעץ אָנערקענט נאָר בלוט־ אָדער חתונה־קרובֿישאַפֿט[9] אויפֿן געביט פֿון ירושה[10]. אַזוי אַרום איז געוואָרן דרינגענדיק צו לייזן די דאָזיקע (און אַ סך אַנדערע) סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס קומען אויף אינעם צוזאַמענלעבן פֿון צוויי מענטשן פֿון זעלביקן מין[11]. אַנישט[12] קען נישט גילטן[13] דער באַרימטער דעוויז פֿון דער פֿראַנצייזישער רעפּובליק – פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ברידערלעכקייט.



דאָס געזעץ, וואָס עטלעכע רופֿן עס שוין אָן „די האָמאָסעקסועלע חתונה“, האָט מען אין די לעצטע יאָרן געגעבן דעם נאָמען „פּאַקס“. דאָס איז דער ראשי־תּיבֿות[14] פֿון אַן אויסדרוק וואָס מע וואָלט געקענט איבערזעצן אויף ייִדיש „בירגערלעכער סאָלידאַריטעט־בונד“ אָדער „בירגערלעכער סאָלידאַריטעט־ברית“. נו, טאַקע, „בונד“ אָדער „ברית“ ?

לאָמיר באַטראַכטן וועלכע פֿון די צוויי דענאָמינאַציעס פּאַסט זיך צו צום בעסטן צום ייִדישן שטייגער. דאָס וואָרט „ברית“ קלינגט טאַקע תּנכיש[15]. אין דער ייִדישער טראַדיציע האָט עס צוויי באַטײַטן : דאָס ייִדישן[16] אַן אַכטטעגיקן זכר[17], און אויך די אַליאַנץ וואָס גאָט האָט אָפּגעשלאָסן מיטן ייִדישן פֿאָלק.

„און איר זאָלט געמלט ווערן[18] אין דעם פֿלייש פֿון אײַער פֿאָרהויט[19], און עס וועט זײַן פֿאַר אַ ברית צווישן מיר און צווישן אײַך“ (בראשית[20], יז, 11).

דער תּנכישער טעקסט וואָס שילדערט[21] צום שענסטן דעם „מיסטישן ברית“ צווישן גאָט און דעם ייִדישן פֿאָלק איז שיר־השירים[22]. אַזוי אַרום קען מען פֿאָרלייגן אַז, ווען צוויי ייִדישע מענער אָדער צוויי ייִדישע פֿרויען וועלן אָפּשליסן צווישן זיך אַ „בירגערלעכן סאָלידאַריטעט־ברית“ זאָלן זיי פֿאָרלייענען אַ פּסוק[23] פֿון שיר־השירים, ווי צום בײַשפּיל, פֿאַר פֿרויען:

„ווי אַ ליליע צווישן די דערנער,
אַזוי איז מײַן געליבטע צווישן די טעכטער“
(שיר־השירים, ב, 2)

אָדער פֿאַר מענער :

„האָרך ! מײַן געליבטער ! אָט־אָ קומט ער, ער שפּרינגט איבער די בערג, ער הופּט איבער די הייכן“ (שיר־השירים, ב, 8)[24]

איז טאָמער מע באַשליסט אויסצוקלײַבן דאָס וואָרט „ברית“ וועט אַ ייִדישער האָמאָסעקסועלער אין דער צוקונפֿט איבערלעבן צוויי בריתן אין זײַן לעבן, אַ ביטערן און אַ זיסן.

לאָמיר איצט באַטראַכטן די צווייטע ברירה[25] : וואָס זענען די ייִדישע אָפּקלאַנגען[26] פֿונעם אויסדרוק „בירגערלעכער סאָלידאַריטעט־בונד“ ? דאָס וואָרט „בונד“, אַ קירצונג פֿונעם נאָמען פֿון דער סאָציאַליסטישער

(סוף זײַט 4)

1. BRIS alliance/covenant ; 2. PKhORTE fille aînée/firstborn daughter ; 3. BEShUTFESDIK en commun/in common ; 4. SVIVES milieux/circles ; 5. est apparu/appeared ; 6. KOLERLEY אַלערליי ; 7. MAKhMES ווײַל ; 8. YARShENEN hériter/inherit ; 9. ... KhASENE-KROYVEShAFT parenté de sang ou par alliance/relation by blood or marriage ; 10. YERUShE héritage ; 11. genre, sexe/sex ; 12. sinon/otherwise ; 13. être valable/apply ; 14. ROShE-TEYVES abréviation ; 15. TANAKhISH biblique/biblical (Pentateuque/Pentateuch : תּנך); 16. circoncire/circumcise ; 17. ZOKhER (personne) de sexe masculin/male ; 18. GEMALET... être circoncis/be circumcised ; 19. prépuce/foreskin ; 20. BREYShIS Genèse/Genesis ; 21. représente/describes ; 22. ShIR-HAShIRIM Cantique des Cantiques/Song of Songs ; 23. POSEK verset/verse *(bibl.)* ; 24. traduction de/translation by Yehoyesh ; 25. BREYRE alternative ; 26. associations ;

# אַ חלום[1]

## אַן אָריגינעלע מעשׂה מיט אַ טראַדיציאָנעלן טעם געשריבן ספּעציעל פֿאַרן *טעם־טעם*



יאַנקעלע איז אַ שיין ייִנגעלע, אַ שטיפֿערל[2]. כאָטש ער איז נאָך נישט זעקס יאָר אַלט, האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט זייער פֿרי, ווײַל ער מוז אין חדר[3] גיין. „דו וועסט לערנען חומש[4] און גמרא[5], וועסטו ווערן אַ תּלמיד־חכם[6].“ אַזוי זאָגט די מאַמע.

יאַנקעלע פֿילט זיך נאָך אַזוי שלעפֿעריק. אין דרויסן איז פֿינצטער, די זון איז נאָך נישט אויפֿגעגאַנגען. ער וואָלט אַזוי געוואָלט בלײַבן אין דער היים מיט דער מאַמען, דער זיסער מאַמען ! אין חדר איז דער רבי[7] תּמיד[8] בייז...

אין חדר האָט יאַנקעלע ליב צו זיצן בײַם פֿענצטער נישט ווײַט פֿונעם פּריפּעטשיק[9]. דאָ פֿילט ער זיך גוט. די קינדערלעך הערן זיך צו צום רבין. יאַנקעלע גיט אַ קוק דורכן פֿענצטער. ס׳גייט אַ שניי. ער קוקט אויף די שנייעלעך וואָס דריידלען זיך, און ביסלעכווײַז מאַכן זיך צו זײַנע שוואַרצינקע אייגעלעך. פּלוצעם הערט ער אַ לײַכטן קלאַפּ אין שויב[10]. ער גיט אַ קוק און דערזעט, ווי דורך אַ נעפּל, אַ שמייכלענדיק פּנים[11]. ווער קען עס זײַן ? אַוודאי[12] קען איך אים, ער הייסט צוציק, צוציק דער קאַרליק[13]. די מאַמע האָט דערציילט אַזוי פֿיל מעשׂיות וועגן אָט דעם צוציקל. יאַנקעלע גיט אים אַ ווונק, שפּרינגט אַריבער דורכן פֿענצטער, נעמט צוציקן בײַ דער האַנט און ביידע צוזאַמען דערווײַטערן זיך פּאַמעלעך. דער שניי פֿאַרטויבט[14] זייערע טריט.

אַ לאַנגע צײַט גייען זיי אויף דער ווײַסער ערד ביז פֿון דער ווײַטנס דערזעען זיי אַ ליכט. יאַנקעלע האָט מורא[15] און האַלט זיך אָן שטאַרק אין צוציקס האַנט. איצט זענען זיי שוין גאַנץ נאָענט. אוי אַ חידוש[16] ! יאַנקעלע קען נישט גלויבן זײַנע אויגן. דאָ אין דער ליכט שטייט אַ צירק. אַרום דער בינע[17] זיצן בלויז קינדער. יאַנקעלע זעצט זיך אַוועק לעבן צוציקן און קוקט זיך צו. אָט שטייט אַ פּאַיאַץ[18] מיט אַ רויטער נאָז. ער לויפֿט און טאַנצט, פֿאַרטשעפּעט זיך, פֿאַלט, צעגיסט וואַסער, און איז אַזוי אומגעלומפּערט[19] אַז אַלע קינדער פּלאַצן פֿון געלעכטער. יאַנקעלע לאַכט און לאַכט. ער איז אַזוי גליקלעך ! איצט נעמט דער פּאַיאַץ אַ פֿידל און הייבט אָן צו שפּילן. די מוזיק איז אַזוי רירנדיק, אַז טרערן שטעלן זיך בײַ יאַנקעלען אין די אויגן און רינען אים אַראָפּ אויף די בעקעלעך.

נאָך דעם קומט אַרויס אויף דער בינע אַ קונצן־מאַכער. ער ווײַזט אַ שוואַרצן הוט וואָס אַלע קינדער קענען שווערן אַז ער איז אַ ליידיקער. ער טוט אַ קלאַפּ מיט זײַן שטעקעלע און פֿונעם הוט פֿלאַטערן אַרויס טיכלעך פֿון אַלערליי קאָלירן, רויטע, בלויע, געלע, גרינע... אַזוי פֿיל טיכלעך ! דער קונצן־מאַכער פֿאָכעט[20] מיט זיי און אין דער לופֿטן מאָלן זיי אָפּ אַ רעגן־בויגן[21]. דערנאָך טוט ער נאָך אַ מאָל אַ קלאַפּ מיטן שטעקעלע און עס הייבן זיך אַרויס פֿון הוט צוויי ווײַסע טויבן, וואָס פֿליִען העט העט[22] אין הימל אַרײַן. יאַנקעלע איז פֿאַרכּישופֿט[23].



אָבער געוואַלד ! וואָס טוט זיך ? יאַנקעלע שטייט אויף דער בינע. אַ גרויסער לייב שטייט אים אַנטקעגן און עפֿנט דאָס מויל. יאַנקעלע ציטערט... ער האָט מורא און וויל אַנטלויפֿן. אָבער ער קען זיך נישט רירן פֿון אָרט. ער וויל שרײַען, געוואַלד, געוואַלד !!!

יאַנקעלע כאַפּט זיך אויף. ער עפֿנט די אייגעלעך און פֿאַר אים שטייט דער בייזער רבי מיטן קאַנטשיק[24] אין דער האַנט.

ברונ׳ד

1. KHOLEM rêve/dream ; 2. espiègle/mischievous ; 3. KHEYDER école élémentaire religieuse/religious elementary school ; 4. KHUMESH Pentateuque/Pentateuch ; 5. GEMORE Guemara, Talmud ; 6. TALMID KHOKHEM érudit/scholar ; 7. REBE maître/schoolmaster ; 8. TOMID שטענדיק 9. poêle/stove ; 10. vitre/pane ; 11. PONEM visage/face ; 12. AVADE זיכער ; 13. nain/dwarf ; 14. assourdit/deadens ; 15. MOYRE peur/is afraid ; 16. KHIDESH וווּנדער ; 17. scène/stage ; 18. clown ; 19. maladroit/clumsy ; 20. agite/waves ; 21. arc en ciel/rainbow ; 22. au loin/far away ; 23. FARKISHEFT émerveillé/enchanted ; 24. martinet/whip.

# ***„שפּיל און פֿאַרווײַלונג“***

קומט דער פֿרילינג, פֿילט מען זיך שפּילעוודיק, גיבן מיר צו אין דעם נומער גאַנצע פֿיר זײַטלעך געווידמעט דער טעמע „שפּיל און פֿאַרווײַלונג“ : איין קעסטלשפּיל, אַ פּאָר טעקסטן וועגן קינדערשפּילן אין שטעטל און אַן אַרטיקל מיט אָנווײַזונגען ווי אַזוי צו שפּילן סקראַבל... אויף ייִדיש.

## קינדערשפּילן אין שטעטל

ווען מע באַטראַכט דעם שטייגער־לעבן[1] פֿון ייִדישע קינדער אין שטעטל מוז מען מודה זײַן[2] אַז די ערשטע בילדער וואָס קומען אויפֿן זינען זײַנען נישט דווקא פֿון ייִנגעלעך און מיידעלעך וואָס לויפֿן אַרום פֿראַנק און פֿרײַ און שפּילן זיך פֿריילעך אויף גאָטס וווּנדערלעכער וועלט. די בילדער וואָס מע זעט פֿאַר די אויגן זײַנען פֿון שווערער אַרבעט, גרויסן דלות[3], פֿון הונגער און קעלט. דער וואָס האָט אַ מאָל געזען די אַלטע פֿאָטאָגראַפֿיעס און געלייענט די אַלטע מעשׂיות וועגן חדר קען זיך גאַנץ קלאָר פֿאָרשטעלן די בלאַסע פּנימער פֿון די חדר־ייִנגלעך וואָס לערנען אַ גאַנצן טאָג אונטערן שאַרפֿן אויג פֿונעם בייזן מלמד.

מיר געפֿינען בײַ ייִדישע שרײַבערס אָן אַ צאָל פֿינסטערע באַשרײַבונגען פֿון לעבן פֿון קינדער. אָבער דאָך... אַפֿילו אין דער ליטעראַטור טרעפֿן מיר אָן סצענעס מיט שפּילנדיקע קינדער. מאָטל, דער פֿריילעכער יתום[4], האָט זיך לוסטיק געשפּילט מיט זײַן קעלבל און אויך אָפּגעטאָן כלערליי[5] שפּיצלעך[6]. אפֿילו הערשעלע, מענדעלעס טראַגישער העלד[7], האָט אַ מאָל געשפּילט אין דאָקטער מיט די אַנדערע ייִנגלעך און האָט שיִער נישט[8] געמאַכט איינעם פֿאַר אַ קאַליקע מיט זײַנע רפֿואות[9].

ווײַזט אויס אַז קינדער שפּילן, ווו און ווען עס זאָל ניט זײַן. אין חדר זיצט מען טאַקע אַ גאַנצן טאָג, נאָר ס׳איז דאָ אַ סך קינדער און דער רבי לערנט נאָר מיט איין כּיתּה[10] מיט אַ מאָל, הייסט עס אַז אַלע איבעריקע קענען זיך דערווײַל שפּילן. אַוודאי, ווען דער טומל ווערט צו גרויס, דערלאַנגט ער מיטן קאַנטשיק[11], אָבער מיט רויִקע שפּילן קען מען גוט פֿאַרברענגען אויף די בענקלעך פֿון חדר.

דער עיקר שפּילט מען אין *קנעפּלעך*[12] און אין *קוויטלעך*. די קוויטלעך זענען פּאַפּירענע קאָרטן וואָס די קינדער מאַכן זיך אַליין. די קנעפּלעך נעמט מען פֿון אַלטע בגדים[13], נאָר אַ מאָל, ווען אַ ייִנגעלע מוז געפֿינען נאָך אַ קנעפּל, רײַסט ער עס אָפּ פֿון זײַן

**(סוף זײַט ג)**

1. mode de vie/way of life ; 2. MOYDE... reconnaître/admit ; 3. DALES pauvreté/poverty ; 4. YOSEM orphelin/orphan פֿון שלום-עליכמס *מאָטל פּייסע דעם חזנס* ; 5. KOLERLEY toutes sortes/all kinds ; 6. tours/pranks ; 7. פֿון מענדעלע מוכר ספֿרימס *דאָס ווינטשפֿינגערל*; 8. a failli/almost ; 9. REFUES remèdes/remedies ; 10. KITE *ici :* groupe d’étude/*here:* study group ; 11. martinet/whip ; 12. boutons/buttons ; 13. BGODIM קליידער ;

## זכרונות[1] פֿון אידאַ און הענעך

**מיר האָבן זיך געטראָפֿן מיט אידאַ און הענעכן - „אַכציק ער און זיבעציק זי“ - און האָבן זיי אויסגעפֿרעגט וועגן קינדערשפּילן. האָבן זיי דערציילט דאָס וואָס זיי דערמאָנען זיך פֿון זייערע אייגענע קינדער־יאָרן**

**הענעך** : איך בין געבוירן געוואָרן אין פּוילן אין 1915 אין דער שטאָט לאָדזש. ס׳איז געווען די מלחמה. מיט די עלטערן און די ברידער זענען מיר אַוועקגעפֿאָרן אין אַ קליין שטעטל, גראַבאָוו, נישט ווײַט פֿון לאָדזש. דאָרטן איז מען געבליבן ביז 1920. איך בין געווען שוין פֿינף יאָר אַלט און איך בין געגאַנגען אין חדר זיך לערנען דעם אַלף־בית, זיך לערנען חומש. בשעת דער הפֿסקה[2], דער פּויזע, האָבן מיר זיך געשפּילט מיט קנעפּעלעך וואָס מע האָט אַראָפּגענומען פֿון די אַלטע מלבושים.[3] אַלע קינדער האָבן זיך געשפּילט אויף דער גאַס אָדער אין די הויפֿן פֿון די הײַזער, אָבער די ייִנגלעך האָבן זיך נישט אויסגעמישט מיט די מיידלעך.



**פֿאָטאָ : ראָמאַן ווישניאַק**

**אידאַ** : אין פּוילן איז געווען אַ גרויסע אָרעמקייט אין די שטעטלעך און ס׳איז געווען קינדער וואָס זענען קיין מאָל אין קיין שול נישט געגאַנגען. דער וואָס האָט זיך געקענט דערלויבן האָט גענומען אַ פּריוואַטן רבי וואָס איז געקומען אין שטוב און האָט געלערנט. בײַ מיר איז געווען אַזוי. איך בין פֿון סאָסנאָוויעץ. ס׳איז אַ שטאָט, נישט קיין שטעטל און דאָס לעבן איז געווען בעסער בײַ אונדז, האָט מען געלעבט מיט „פּראָגרעס“. למשל, די גאַנץ אָרעמע קינדער האָבן אַוודאי נישט געמאַכט קיין ספּאָרט, אָבער

**(סוף זײַט ד)**

1. ZIKHROYNES souvenirs/memories ; 2.HAFSOKE récréation/recess ; 3. MALBUSHIM vêtements/clothes ;

# דער מלופֿן־וואָוו[1]
# אַ סך־הכּל[2] פֿאַר אָנהייבערס

אונדזער פֿרײַנד און מיטאַרבעטער שמעון נויבערג פֿונעם אוניווערסיטעט פֿון טריר (דײַטשלאַנד) שיקט אונדז אַ באַלערנדיקן אַרטיקל וועגן דעם מלופֿן־וואָוו אין כּלל־ייִדישן אויסלייג[3]. אַרום דעם טראַכט ער אויס אַ גאַנצע שמייכלדיקע מעשׂה מיט אינטערנאַציאָנאַלע סקראַבל־טורנירן ... אויף ייִדיש.

נאָר וואָס איז אַ מלופֿן־וואָוו ?

אַלע ווייסן אַז : וואָוו (ו) רעדט מען אַרויס [U] און צוויי וואָוון (וו) רעדט מען אַרויס [V].

אָבער וואָס טוט מען, אַז מע האָט דרײַ וואָוון צוזאַמען (ווו) ? ווי קען מען וויסן צי ס׳איז [UV] אָדער [VU] ?

מע גיט צו אַ מלופֿן־וואָוו (וואָוו מיט אַ פּינטעלע) ! אַזוי אַרום[4], ווּו = VU און ווּו = UV . צום בײַשפּיל, אין די ווערטער „פּרוּוו“ און „ווּלגאַר“ ווײַזט דאָס פּינטעלע ווּ איז דער קלאַנג[5] [U] . דער מלופֿן־וואָוו טויג אויך אויף צו אונטערשיידן צוויי [U]־קלאַנגען (וּו) פֿונעם קלאַנג [V] (וו) און אויך דעם קלאַנג [UY] (וּי) פֿונעם קלאַנג [OY] (וי).



קען מען דאָך זען אַז דער מלופֿן־וואָוו איז אַ גאָר זעלטענער[6] אות[7] אין ייִדיש. און מע קען זיך גרינג פֿאָרשטעלן אַז ווען מע וואָלט געשפּילט סקראַבל אין ייִדיש וואָלט געווען זייער שווער אים צו שטעלן אויפֿן שפּילברעטל[8].

1. MELUPN-... la lettre/letter “וּ„ [U] ; 2. SEKhAKL resumé/summary ; 3. KLAL-... orthographe standard yiddish/standard Yiddish spelling ; 4. donc/thus ; 5. son/sound ; 6. rare ; 7. OS lettre/letter ; 8. grille/board.

## ווי ווערט מען פּטור[1] פֿון אַ מלופֿן־וואָוו ?

ב

ווער עס שפּילט אין סקראַבל אויף ייִדיש ווייסט וואָס פֿאַר אַ צרה דאָס איז, ווען מע קויפּט זיך אײַן דעם מלופֿן־וואָוו - ווי ווערט מען פּטור פֿון אים ? פֿאַראַן צווישן די אותיות פֿון כּל־המינים[2] שלעק[3], און אָפֿט מאָל זענען די זיבן וואָס מען קריגט אין איינעם ערשט אַ בראָך[4]. אָבער דער מלופֿן־וואָוו איז גאָר אַ באַזונדערע חיה : ווען מע בלײַבט מיט בלויז קאָנסאָנאַנטן פּרוּווט מען זיך אַרויסהעלפֿן מיט לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער, עטלעכע אותיות קען מען סײַ־ווי נישט אַוועקלייגן אויב מען איז נישט באַהאַוונט[5] אין די קירצסטע העברעיִזמען, אָבער ווער עס איז מטופּל[6] מיט אַ מלופֿן - איז אַ רחמנות אויף אים !

כּדי צו ברענגען נוצן אין אַזעלכע פֿאַרצווייפֿלטע פֿאַלן, אָדער כאָטש אַ ביסל אונטערצוהעלפֿן, וועלן מיר דאָ אָנווײַזן אויף די מעגלעכע רפֿואות[7].

עס וואָלט נישט געווען קיין פּראָבלעם אויב מע שפּילט אָן נקודות[8]... מע דערקלערט אַז דער חיריק־יוד[9] איז גלאַט אַ יוד און דער מלופֿן־וואָוו איז גלאַט אַ וואָוו און אַז זיי זענען נישט מער די ווערט ווי זייערע ברידערלעך, און פּטור... נו, יאָ - דאָס איז גוט אויב מע שפּילט בלויז אין דער משפּחה, אָבער ווער עס וויל אָנטייל נעמען אין אינטערנאַציאָנאַלע סקראַבל־טורנירן מוז פֿאָרט געפֿינען אַ לייזונג בהסכּם[10] מיט דעם ייִוואָ־אויסלייג !

לאָמיר האָפֿן אַז די פֿאָלגנדיקע באַמערקונגען וועלן זײַן אַ גענוגנדיקע סגולה[11], אונדזערע לייענערס זאָלן קענען באַשטיין[12] אין ייִדישן סקראַבל אַקעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנקורענץ.

דער רעלאַטיוו גינציקסטער[13] פֿאַל אויף צו פּטרן[14] אַ מלופֿן־וואָוו איז ווען מע פֿאַרמאָגט צו אים אַ „צוויי־וואָוון“, וואָס דער [או]־קלאַנג פֿאַר אָדער נאָך אים ווערט אַלע מאָל געשריבן מיט אַ מלופֿן־וואָוו : דאָס קירצסטע וואָרט מיט „וּ“ איז אויב אַזוי „ווּו“ - אָבער עס וואָלט געווען אַ שאָד אַנידערצולייגן בלויז איין אות אָדער צוויי, און בלײַבן מיט גאָר ווינציק פּונקטן, אויב עס איז דאָ אַ געלעגנהייט צו קריגן מער.

פֿאַרגעסט נישט אַז די „צוויי־וואָוון“ קענען זײַן אויך נאָכן מלופֿן : „פּרוּוו“.

אויב קיין „צוויי־וואָוון“ איז נישטאָ, איז ביטער. סע בלײַבן נאָר צוויי מעגלעכקייטן :

אַ מלופֿן־וואָוו קומט פֿאַר אַ צווייטן וואָוו : „טוּונג“ (נישט פֿאַרקערט : ווער עס לייגט „טווּנג“* קריגט אַ נול !)

אַ מלופֿן־וואָוו קומט אויך פֿאַר אַ קאָנסאָנאַנטיש יוד[15]: „דוּיען“[16] (אָבער נישט פֿאַר אַ וואָקאַלישן[17]: „רוּיִק“!)

אַ מאָל איז כּדאַי נוצן דעם דזשאָקער אויף אַ צווייטן מלופֿן־וואָוו כּדי צו לייגן אַלע 7 אותיות און באַקומען די 50 פּונקטן באָנוס : „פּרוּווּנג“.

**וויכטיקע באַוואָרעניש[18]:**

די שפּילברעט פֿאַרמאָגט נישט מער ווי 15 אותיות די לענג - קען מען תּיכּף[19] פֿאַרגעסן וועגן אַזעלכע ווערטער ווי „אונטערבאַוווּסטזיניקייט“ און „באַוווּנדערונגסווערט“.

ווערטער וואָס שרײַבן זיך מיט אַ מקף[20] (אַ בינד־שטריכל) טאָר מען נישט לייגן (מע וועט קיין מאָל נישט לייגן „לווּער־פּענצטער“ אָדער „בוגי־ווּגי“).

ווערטער וואָס באַשטייען פֿון צוויי טיילן וואָס מע שרײַבט באַזונדער זענען אין פּרינציפּ אויך אָסור[21] (פּרוּווט נישט לייגן : „[אָ] רעוווּאַר“ אָדער „פּערפּעטוּום [מאָבילע]“).

פּרט־נעמען[22] טאָר מען נישט נוצן (לייגט נישט „האָליווּד“, „סווּאַלק“ אָדער „וועזוּוויוס“).

עטלעכע ווערטערביכער („האַרקאַווי“[23], „דער אוצר“[24]) גיבן צו אַ נקודה ווי אַ פֿאָנעטישער אָנווײַז בײַ לשון־קודשדיקע ווערטער, זיי זענען אָבער נישט קיין טייל פֿונעם אויסלייג ! (מע שרײַבט „מקוים [ווערן]“ אָן אַ מלופֿן) בלויז איין וואָרט פֿון העברעיִשן שורש האָט אַ מלופֿן : „מנוּוול“[25] (מע שרײַבט אויך „צבֿוּיאַק“[26]).

צו אַ סך ווערבן וואָס הייבן זיך אָן מיט „וו“

**(סוף זײַט ג)**

1. POTER... se débarrasser de/get rid of ;
2. KOLAMINIM אַלערליי ; 3. *sg.* שלאַק calamité/trouble ; 4. désastre/disaster ; 5. connaisseur/proficient ; 6. METUPL... encombré, chargé de/burdened גענויינטלעך אינעם אויסדרוק : מטופּל מיט קינדער;
7. REFUES remèdes/remedies ; 8. NEKUDES signes-voyelles dans l’alphabet hébreu/vowel signs used with the Hebrew alphabet ;
9. KhIRIK-... “ יִ „ ; 10. BEHESKEM en accord avec/in agreement with ; 11. ZGULE remède/remedy ; 12. réussir/succeed ; 13. favorable ;
14. PATERN פּטור ווערן פֿון ; 15. [y] דער קלאַנג ;
16. (ווינט) בלאָזן ; 17. [i] דער קלאַנג ; 18. réserves/precautions; 19. TEYKEF גלײַך ; 20. MAKEF “ ־ „ ;
21. OSER interdit/forbidden ; 22. PRAT-... noms propres/proper nouns ; 23. אַלכּסנדר האַרקאַווי : ייִדיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך, ניו־יאָרק, 1928 ;
24. נחום סטוטשקאָוו : דער אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך, ניו־יאָרק, 1950; 25. MENUVL salaud/contemptible person ; 26. TSVUYAK hypocrite ;

**(סוף פֿון זײַט ב)**

אָדער „י“ קען מען צוגעבן אַ „צו־“ וואָרט־אײַן[27]; דעמאָלט זענען אָבער די מעגלעכקייטן זיי צו קאָניוגירן באַגרענעצט, ווײַל דער „צו“ גייט דעמאָלט באַזונדער (למשל : צוּוואַרטן - איך וואַרט צו)... און קיין מלופֿן איז דעמאָלט מער נישטאָ !

<u>געדענקט</u> די קורצע ווערטער (ביז 4 אותיות) :

2 אותיות : ווּ ; 3 אותיות : אַוווּ, ווּט ;

4 אותיות : אָוווּם, דוּיע, ווּאַל, ווּדו, ווּדע [=ווענטקע], ווּטן, ווּנד, ווּנק, ווּקס, מוּוי, פּרוּוו.

פֿאַרשטייט זיך אַז עס ווערן גערעכנט פֿאַר איין אות אי דער „וו“, אי דער „וי“ אי דער „יי“ אי דער „ײַ“.

אײַ[28], מע וויל אײַך אַ מאָל נישט גלייבן אַז דאָס וואָרט וואָס איר לייגט עקסיסטירט באמת ? אָט ווּ איר קענט געפֿינען די ווערטער וואָס נישט אין די גאַנגבאַרסטע ווערטערביכער : אויב דאָס וואָרט הייבט זיך אָן מיט אַן אַלף, קוקט אַרײַן אין „גרויסן ווערטערבוך פֿון דער ייִדישער שפּראַך“, אויב נישט, זעט אין „ייִדישן אָרטאָגראַפֿישן וועגווײַזער“ און אויב דאָס העלפֿט אויך נישט וועט איר געפֿינען אַ צאָל [אין קאַנטיקע קלאַמערן] : דאָס איז דאָס זײַטל אינעם „אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך“ ווּ איר וועט אָנטרעפֿן אַ באַווײַז אַז דאָס וואָרט איז יאָ אַ וואָרט !

דרך־אַגבֿ[29]: דער ווערב „ווּטן“ איז אַמעריקאַנער ייִדיש פֿאַר „שטימען“ [382].

ווײַטער גייט אַ רשימה פֿון אַלע ווערטער מיט 7 אותיות, קיינער זאָל נישט פֿאַרפֿעלן קיין



געלעגנהייט צו קריגן די 50 צוגאָבפּונקטן פֿאַר אַוועקלייגן אַלע אותיות מיט אַ מאָל.

7 אותיות : אוּוואַזשע, אוּוווּלעס, אוּווירסט, אויסוווּקס, אויספּרוּוו, אויפֿוווּקס, אַלוּוויום, אַלטוּווקע, אַנטווּרף, אַקטוּווקע, באַווּסטן, באַווּסטע, בוּיעכעס, בורזשוּי, בראַווּרע [254], ברילוּיע [260], געדוּיעט, געווּנען, געזשוּיע, געפּרוּווט, דאַכוּווקע [81], דוּמווּיר, דוּיעסטו, וואַטוּווקע [576], וואַלוּווקע [221, 390], וואָלוּווקע [502], ווּדוּיִזם, ווּכערער [511], ווּלגאַטע, ווּלגאַרן, ווּלגאַרע, ווּנדיקס, ווּנדיקע, ווּנדערט, ווּנדערן, זאַווּליק [121], זשוּיעסט, יוּוועליר, לאַפּוּווקע [684], לעווּלאָז [243], מאַיוּווקע [112], מוּומענט [252], מנוּוולים, נאָכוּווקס, נוּוואָריש [515], סאַווּלעס [668], סוּווענער [312], סוּווערען [464], סיראָדוּי [227], פּאָסוּווקע [589], פּוּיעלעך, פּרוּווּנג, פּרוּווסטו, פּרוּווערס, פּרוּווצײַט, פֿאַרוווּנד, פֿאָרווּרף, צוּוואַקסן, צוּוואַרטן, צוּוואַרפֿן, צוּווּקסן, צוּווירצן, קאַפּוּיען, קאַראַווּל [425], ראַנדעווּ [28], שוּוואַקס [147].

אויב אַ סך לייענערס וועלן זיך נאָכפֿרעגן, קען געדרוקט ווערן אין אַ שפּעטערדיקער אויסגאַבע פֿונעם *טעם־טעם* די רשימה פֿון ווערטער מיט 5, 6 און 8 אותיות, וואָס זיי קומען אויך שטאַרק צו נוץ אַלע סקראַבל־שפּילערס.

*שמעון נויבערג*

27. position initiale/initial ; 28. *introduit des questions rhétoriques qui anticipent des objections/introduce rhetorical questions which anticipate objections* ; 29. DEREKh-AGEV à propos/by the way

**(סוף פֿון זײַט א)**

רעקל, אַפֿילו וויסנדיק אַז די מאַמע וועט שרײַען. איין קנעפּלשפּיל הייסט *אום און גראָד*[14]. אַ ייִנגל באַהאַלט אין זײַן האַנט אַ צאָל קנעפּלעך און דער אַנדערער דאַרף טרעפֿן צי די צאָל איז אום צי גראָד. דער געווינער נעמט די קנעפּלעך און מע בײַט די ראָלעס. מיט אַ מטבע[15] שפּילט מען אין *קאָפּ־שלאַק* אָדער *קאָפּ־אָדלער*[16]. מע דרייט די מטבע אַזוי ווי אַ דריידל און מע דאַרף טרעפֿן ווי אַזוי זי וועט פֿאַלן. *עטל־בעטל*[17] שפּילט מען מיט אַ שטריקעלע וואָס מע וויקלט אַרום די הענט און נעמענדיק דאָס שטריקעלע פֿון איין קינד בײַם צווייטן מאַכט מען פֿאַרשיידענע פֿיגורן, וואָס יעדע פֿיגור האָט אַ נאָמען : די ערשטע הייסט *עטל־בעטל*, די צווייטע *לעקעך*, דערנאָך *רעשעטע, נעצל, שפּיזלעך* אָדער *שטריקן זאָקן*.

עס זענען דאָ אויך שפּילן וואָס האָבן אַ שייכות[18] מיטן לערנען, למשל שפּילן אין *אַשרס*[19]. מע עפֿנט על־פּי טראַף[20] אַ חומש, איין קינד נעמט די רעכטע זײַט, דאָס אַנדערע די לינקע און מע ציילט וויפֿל מאָל איז דאָ דאָס וואָרט „אַשר“. דער וואָס געפֿינט מער „אַשרס“ איז דער געווינער און קען געבן דעם פֿאַרשפּילטן[21] אַ געוויסע צאָל פּעטש אין פּלייצע.

ווען אַ קינד פֿאַלשעוועט[22] בײַם שפּילן רופֿט מען אים שקרניק[23] און מע שפּילט זיך נישט מיט אים ביז ער שווערט אַז ער וועט עס מער ניט טאָן. איין קינדערשע שבֿועה[24] גייט אַזוי :

אַקל באַקל בראָטן ברענען,
ווער עס וועט אָפּנאַרן
דער וועט ליגן אין גיהנום[25].

אָפֿט מאָל טרעפֿט זיך אַז קינדער צעקריגן זיך בײַם שפּילן. ווען זיי ווילן זיך איבערבעטן נעמען זיי זיך פֿאַר די קליינע פֿינגערלעך פֿון די רעכטע הענט און זאָגן אַזאַ גראַם :

רינגעלע, רינגעלע, רוגז[26],
זעמער[27] געוועזן ברוגז[28],
רינגעלע, רינגעלע, ביק,
זעמער חבֿר צוריק.

אין די וואַרעמע זומערטעג שפּילט מען אין דרויסן. מע שפּילט זיך אין פֿאַרשיידענע ווערסיעס פֿון *כאַפּעלעך* און *לויפֿעלעך*[29], אין *באַהעלטעלעך* (ווי *הייס און קאַלט*, צום בײַשפּיל) ווּ מע דאַרף געפֿינען אַ באַהאַלטענע זאַך, און אין מלחמה־שפּילן, ווּ מע שפּילט אויס פֿאַרשיידענע מלחמות, פֿון דוד און גלית[30] ביז נאַפּאָלעאָן.

מיידלעך האָבן זייערע אייגענע שפּילן. זיי שפּילן אין *בעל־הביתטעס*[31], אין *קיכנס*, אָדער אין *חתן־כּלה*[32]. איין *חתן־כּלה* שפּיל גייט אַזוי : מע מאַכט אַ ראָד, איין מיידל שטייט אין מיטן מיט אַ בלומענקראַנץ אויפֿן קאָפּ און מע זינגט :

טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ,
עס שאָקלט זיך דער קראַנץ,
עס שאָקלט זיך דער מאָרגן־שטערן,
באַלד וועסטו אַ כּלה ווערן,
טאַנץ, מיידעלע, טאַנץ.

אָט די שפּילן און אַ סך, אַ סך אַנדערע זענען באַשריבן אין אַ פּרעכטיק ביכל : „חדר און בית־מדרש“ פֿון יחיאל שטערן, וואָס איר קענט געפֿינען אין מעדעם־ביבליאָטעק.

14. impair et pair/odds and evens ; 15. MATBEYE pièce de monnaie/coin ; 16. pile ou face/heads or tails ; 17. jeu de ficelle/string game ; 18. ShAYKhES האָבן צו טאָן מיט ; 19. AShERS פֿונעם העברעיִשן רעלאַטיוו־פּראָנאָם „אַשר“ („ווער“, „וואָס“) ; 20. AL-PI ... au hasard/at random ; 21. perdant/loser ; 22. triche/cheats ; 23. ShEKERNIK פֿונעם העברעיִשן וואָרט „שקר“, וואָס מיינט „ליגן“ ; 24. ShVUE serment/oath ; 25. GE(HE)NEM Enfer/Hell ; 26. ROYGES colère/anger ; 27. פֿאַרקירצונג פֿון „זענען מיר“ ; 28. BROYGES fâché/angry ; 29. jeux de chat/games of tag ; 30. DOVID ... GOLYAS ; 31. BALEBOSTES ménagères/house ; 32. KhOSN-KALE les mariés/bride and groom.

# קעסטלשפּיל : אַרום בעלי־חיים[1]

| 9 | 8 | 7 | 6 | 5 | 4 | 3 | 2 | 1 | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | ■ | | | | | ■ | א |
| | | | | א | ■ | | | | ב |
| | ■ | | | | | | ■ | | ג |
| | | ■ | | | ■ | | | | ד |
| | | | | | | | | | ה |
| ■ | ל | ■ | | | ■ | | | | ו |
| | | | ■ | | | ■ | | ■ | ז |
| | | ■ | | | צ | | ■ | | ח |
| | ■ | | | | | | ■ | | ט |
| ■ | | | | | ■ | | | | י |

דאָס קעסטלשפּיל איז אַ שווערס און כּדי איר זאָלט האָבן מזל, גיבן מיר אָן דרײַ אותיות וואָס וועלן עס מאַכן גרינגער.

**פֿון רעכטס צו לינקס :**

א. גרינגע חיה וואָס לעבט אין געמויזעכץ[2] ; מײַן פֿאַרמעגנס, מײַן גאַנץ .... און גוטס

ב. איך נישטער, איך גראָב, איך ... (ווי אַ מױלוואָרף[3]) ; באַרגאַראָפּיק (לשון־קודש)

ג. דאָס קען טאָן אַ האָן אָדער אַ גלאָק

ד. אַלטע שטאָט אין ארץ־ישׂראל ; קאָניונקציע ; סינאָנים פֿון „אויב" צי „ווען"

ה. קריכנדיקע חיה, אַ סימבאָל פֿון פֿאַמעלעכקייט

ו. אות פֿונעם אַלף־בית מיטן נומערישן ווערט 50 ; די צווייטע נאָטע פֿון דער גאַמע

ז. באַצייכענונג פֿאַרן באַשעפֿער פֿון אַלע חיות און עופֿות ; ווילדע חיה וואָס האָט ליב אַ לעק האָניק

ח. חיה פֿון וועלכער דאָס פֿלייש איז טריף ; נעם, איך גיב עס דיר

ט. קליין אָרט פֿאַר דער טיר פֿון אַ הויז

י. שוואַרצער פֿויגל וואָס זאָגט נבֿואות[4] ; זי זינגט בײַ נאַכט הינטערן אויוון

**פֿון אויבן אַראָפּ :**

1. מע קען עס טאָן אויף אַ פֿערד אָדער אויף אַן אייזל ; דער „ער" פֿון דער ציג
2. בהמות ; אָן שווערקייטן
3. ברומען ווי אַ לייב צי שרײַען ווי אַן אָקס ; גויִשער יום־טובֿ
4. אַזוינע צי אַזעלכע (איינצאָל)

ד

5. זומער־פֿייגעלע
6. אַן אַלטע קליאַטשע ; קליינע באַוועגונג
7. זי לייגט אייער ; זיי גיבן אונדז מילך
8. קאָנווערב וואָס מיינט „אַראָפּ", „אַוועק" צי „פֿאַרענדיקט" ; עסן (לשון־קודש)
9. אָרט וווּ מע קויפֿט און פֿאַרקויפֿט אַקציעס ; שוואַרצער פֿויגל (גרעסער ווי אין י.)

1. BALE-KHAIM, *sg.* בעל־חי BAL-KHAI animal ; 2. marécage/swamp ; 3. taupe/mole ; 4. NEVUES prophéties/prophecies.

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

**(סוף פֿון זײַט א)**

איך בין געגאַנגען צו דער אָרגאַניזאַציע „מכּבי"[4] צו מאַכן גימנאַסטיק. ווינטער האָב איך זיך געגליטשט אויפֿן אײַז.

**הענעך** : איין שפּיל וואָס די מיידלעך האָבן זיך געשפּילט הייסט דער קלאַס[5] ; מע צייכנט רעמלעך אויף דער ערד און מע שפּרינגט, האָפּ, צו איינס, האָפּ, צו צוויי, האָפּ, צו דרײַ...



די מיידלעך האָבן זיך אויך געשפּילט אַזוי : איינע האָט געציילט : איינס, צוויי, דרײַ... ביז צוואַנציק, און אַלע האָבן זיך באַהאַלטן. דער שפּיל הייסט שלעפּע באַבע אָדער שלעפּאַ באַבקאַ.

**אידאַ** : די ייִנגלעך האָבן זיך געשפּילט מיט צאַפּוטיסעס, דאָס הייסט שוועבעלעך, וואָס זיי האָבן צונויפֿגעוואָרפֿן אין אַ קופּע און אַרויסגעצויגן איינע נאָך דער אַנדערער נישט רירנדיק די בלײַבנדיקע שוועבעלעך, און אַזוי ביזן סוף. די מיידלעך האָבן געטאַנצט מיט אַ שטריק און זיך געשפּילט מיט אַ רייף[6].

**הענעך** : מ'האָט זיך אויך געשפּילט אין דאָמ'נאָ, אין קאָרטן...

**אידאַ** : מ'האָט געשפּילט מיט וואָס מע האָט געפֿונען ; שטריקלעך, פּודעלעך[7], בלעכעלעך[8], שטעקעלעך... אַלץ איז געווען אַזוי פּרימיטיוו אין פֿאַרגלײַך מיט היינטיקע שפּילן...



4. MAKABI club sportif juif/Jewish sports club ; 5. marelle/hopscotch ; 6. cerceau/hoop ; 7. boîtes en carton/boxes ; 8. boîtes de conserve/tin cans.

## נײַע שאַפֿונגען אין ייִדיש

# די טשערעפּאַכע[1]

## פֿון **טרילוסאַ**

אַז די טשערעפּאַכע די אַלטע
איז אַ מאָל אַרויסגעגאַנגען[2] פֿאַרנאַכטלעך,
איז זי געשטאָמפּערט[3] אויף די לאַפּקעלעך
מיטן שטיבעלע אַראָפּ דעם האַרטן
אַ ראָפּוכע[4] רופֿט „דו שויט[5]“ !
אָט די דרכים[6] פֿירן אין נויט“
„איך ווייס“, לאָזט זי הערן
„אָבער פֿאַר דעם טויט זע איך די שטערן !“

*איבערגעזעצט פֿון רוימישן דיאַלעקט* : ***מאַרישע ראָמאַנאָ***

La tartaruga

Mentre una notte se n’annava a spasso
la vecchia tartaruga fece er passo
più lungo della gamba e cascò giù
con la casa vortata sott’insù.
Un rospo je strillò : “Scema che sei !
Queste so’ scappatelle che costano la pelle !”
“Lo sò” rispose lei,
“ma prima de mori vedo le stelle !”

(Trilussa)



1. tortue/tortoise ; 2. “וואַריאַנט פֿון „אַרויסגעגאַנגען ; 3. trébuché/stumbled ; 4. crapaud /toad ; 5. צוליב דעם גראַם פֿאַרקירצט פֿון „שוטה“ shOYTE, אַ נאַר ;
6. DROKhIM *sing.*דרך DEREKh chemin/path.

**טרילוסאַ** איז דער פּסעוודאָנים־אַנאַגראַם פֿון קאַרלאָ אַלבערטאָ סאַלוסטרי, אַן איטאַליענישער פּאָעט געבוירן אין 1871 און געשטאָרבן אין 1951. די לידער אויף רוימישן דיאַלעקט וואָס ער האָט טעגלעך אַרויסגעגעבן אין אַ צײַטונג זײַנען באַלד געוואָרן באַרימט. מילדע סאַטיריאַלע קריטיק, סאַטירישע סקיצן און חיות־מעטאַפֿאָרן זײַנען די וויכטיקסטע אייגנקייטן פֿון זײַן פּאָעזיע. טרילוסאַס לידער זײַנען איבערגעזעצט אויף אַלע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. דאָס ליד „לאַ טאַרטאַרוגאַ“ קומט פֿונעם אָפּקלײַב „דאָס שטומע בוך“ (1935).

## בריוו אין רעדאַקציע

**וואָס פֿאַר אַ מחיה צו באַקומען בריוו פֿון אונדזערע לייענערס ! אָט דרוקן מיר אָפּ אַ מעשׂה וואָס איז אָנגעקומען צו דער רעדאַקציע פֿון גאָר ווײַט – פֿון אַמעריקע (מאַסאַטשוסעטס), מיט גאָר אַן עקזאָטישער טעמע...**

# וואָס טוט אַ ייִד אין גרינלאַנד ?

## אָדער די צפֿונדיקסטע[1] ייִדן אויף דער וועלט ?

דעם זומער בין איך געפֿאָרן קיין גרינלאַנד אויף אַן עקסקורסיע. דאָס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין אינעם אַרקטיק. צוויי מאָל פֿריִער אין אַלאַסקע און אַ פּאָר מאָל אין קאַנאַדע, געוויינטלעך מיט די ברידער און קינדער. אויף דער דאָזיקער נסיעה[2] האָב איך געמוזט פֿאָרן איינער אַליין – אַ טעות[3], דעם אמת געזאָגט.

וואָס טוט אַ ייִד אינעם אַרקטיק ? שפּאַצירן אין די בערג, „באַקפּאַקינג“ הייסט עס אויף ענגליש. דער געדאַנק אַז ייִדן טוען ניט אַזוי איז אפֿשר דער זעלביקער אַלטער ליגן ווי די מיינונג אַז ייִדן זײַנען ניט ערד־אַרבעטערס.

מיט מײַן ברודער פֿרעד (די איבעריקע אַנטלויפֿן ווען זיי הערן אונדז) אַמפּערן[4] מיר זיך אָפֿט מאָל (אַלע מאָל, זאָגן זיי) וועגן דעם, צי מיר זײַנען די צפֿונדיקסטע ייִדן אויף דער וועלט. אפֿשר טאַקע יאָ, סײַדן[5] ס׳איז פֿאַראַן אַ ייִדישע קהילה[6] אין טראָמסאָ, נאָרוועגיע, אָדער ערגעץ ווו אין סיביר. מילא[7], מיר אַמפּערן זיך אַלץ... אָבער אויף דער נסיעה בין איך איינער אַליין, מוז איך זיך אַמפּערן מיט זיך אַליין.



סײַ ווי סײַ, בין איך געפֿאָרן אין גרינלאַנד און געבליבן דרײַ טעג אין אַ האָטעל אין אַ קליין שטעטל, אומאַנאַק. פֿון דאַנען האָט מען געדאַרפֿט אַרויספֿאָרן דעם פֿיאָרד ביזן אָרט ווו מע הייבט אָן דעם שפּאַציר, עפּעס 35 מײַל. אָבער ס׳איז געגאַנגען שלעכט.

„דאָס אײַז איז דאָ, דאָס אײַז איז דאָרט,
דאָס אײַז איז אומעטום.“
(כ׳בעט מחילה[8] דעם פּאָעט ס.ט. קאָלערידזש[9])

אַ גוזמא[10] אײַז : מיר פֿאָרן פּאַמעלעכער און פּאַמעלעכער, זיך אָנשטויסנדיק[11] אינעם אײַז ווידער און ווידער אַ מאָל. מיר האָבן ניט געקענט דורכפֿאָרן מער ווי אַכט מײַל. נו, צוריק אינעם שטעטל אַרײַן. וואַרט מען אָפּ צוויי טעג, האָפֿנדיק אויף אַ ווינט פֿון דרום־מיזרח[12], וואָס זאָל אָוועקבלאָזן דאָס אײַז, אָבער גאָרנישט. אַ שאָד. איז איבער אַ יאָר אין גרינלאַנד, אפֿשר אין אַן אַנדער געגנט.

**(סוף זײַט 4)**

1. (TSOFN) פֿון צפֿון le nord/north : le plus septentrional/the northernmost ; 2. NESIE voyage/trip ; 3. TOES erreur/mistake ; 4. nous nous disputons/argue ; 5. à moins que/unless ; 6. KEHILE communauté/community ; 7. MEYLE soit/anyhow ; 8. MEKhILE pardon ; 9. Samuel Taylor Coleridge (1772-1834) poète anglais ; 10. GUZME grande quantité de/huge amount of ; 11. heurtant /bumping into ; 12. DOREM-MIZREKh sud-est/southeast ;

**(סוף פֿון זײַט 1)**

פּאַרטיי „בונד פֿון ייִדישע אַרבעטער אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע“ איז אַ סימבאָל פֿון פּאָליטישער און סאָציאַלער פּראָגרעסיווקייט, און פּאַסט זיך דווקא גוט צו צום נײַעם באַגריף פֿון „פּאַקס“. די מיטגלידער פֿון „בונד“ זענען געווען אויף אַלע פֿראָנטן ווו מע האָט געדאַרפֿט קעמפֿן קעגן די אונטערדריקערס און פֿאַר מענטשנרעכט. הייסט עס אַז ס׳איז גאָר אַ בכּבֿודיק[27] וואָרט פֿאַר אַזאַ בכּבֿודיקן פּראָיעקט פֿון פֿאַרזיכערן די סאָציאַלע גלײַכהייט פֿון אַלע בירגער.

די ייִדישע גאַס וועט מיט דער צײַט באַשליסן וואָס פֿאַר אַן אויסדרוק, „ברית“ אָדער „בונד“, פּאַסט צום בעסטן, אָבער מע קען שוין טראַכטן אַז די טראַדיציאָנעלסטע ייִדישיסטן וועלן אויסקלײַבן „ברית“, וואָס שמעקט מיט געטלעכקייט און מיט תּנך־גערוך, און אַז די פֿאַרברענטסטע רעוואָלוציאָנערן וועלן בעסער אָננעמען „בונד“.

מע האָט געדאַרפֿט לאַנג וואַרטן ביז די דעפּוטאַטן וואָס זיצן אין פּאַרלאַמענט האָבן אָנגענומען דאָס געזעץ. ס׳איז אין גאַנצן ניט געווען זיכער, מחמת דעם שטאַרקן קעגנשטעל פֿון אַ רובֿ[28] רעכטע דעפּוטאַטן, און אויך דעם שוואַכן התלהבֿות[29] פֿון אַ טייל לינקע. אָנהייב יאָר האָבן הונדערט טויזנט מענטשן מאַניפֿעסטירט קעגן דעם פּראָיעקט. דער מאָטאָ פֿון דער דעמאָנסטראַציע איז געווען „משפּחה־שוץ“, אָבער עס האָבן זיך געוויזן מצד[30] די דעמאָנסטראַנטן כּלערליי סימנים[31] פֿון ווילדער האָמאָפֿאָביע.

די איניציאַטאָרן פֿונעם פּראָיעקט האָבן געדאַרפֿט אַרײַנפֿירן פֿאַרשיידענע ענדערונגען אינעם אָריגינעלן טעקסט און הײַנט זעט דאָס געזעץ אַזוי אויס : צוויי מענטשן פֿון זעלביקן געשלעכט וואָס ווינען צוזאַמען וועלן מעגן שליסן אַן אָפּמאַך וואָס וועט זיי דערלויבן צונויפֿצולייגן זייערע פֿאַרמעגנס ווי בײַ אַ טראַדיציאָנעלן פּאָרפֿאָלק ; קיין קינדער וועלן זיי נישט קענען אַדאָפּטירן, אָבער זיי וועלן מעגן באַצאָלן די שטײַערן בשותּפֿות, און אין אַלע אַדמיניסטראַטיווע פֿאַלן ווו מע רעכנט זיך מיטן בן־זוג[32] – ווי למשל ווען אַן אָנגעשטעלטער וויל נישט, מע זאָל אים שיקן אין ליאָן ווען זײַן ווײַב ווינט אין פּאַריז – וועט מען זיך איצט רעכענען מיטן בן־זוג פֿונעם זעלביקן געשלעכט.

און אָט דאָס איז טאַקע אַ גרויסער טראָט פֿאָרויס צו אַן אמתער גלײַכהייט פֿון אַלע בירגער.

27. BEKOVEDIK honorable ; 28. ROV majorité/majority ; 29. HISLAYVES באַגײַסטערונג ; 30. MITSAD פֿון דער זײַט פֿון ; 31. SIMONIM signes/signs, *sing.* SIMEN ; 32. BEN-ZUG conjoint/spouse.



**(סוף פֿון זײַט 3)**

אָנשטאָט אָט דער גרויסער עקסקורסיע האָב איך געפּרוווט מאַכן אַ קלענערע און געפֿאָרן אויף דער טוריסטן־שיף קיין סאַקאַק. אָבער ס׳האָט אָנגעהויבן צו רעגענען און נאָך צוויי טעג אײנער אַליין אינעם געצעלט[13] האָב איך געשריגן „גענוג“ און זיך אומגעקערט. כ׳בין שוין גענוג משוגע. איבער אַ יאָר אין גרינלאַנד, נאָר זיכער ניט אײנער אַליין.

נו, בין איך שוין אין קאַנגערלוסואַק, דעם הויפּט־אַעראָפּאָרט פֿון גרינלאַנד (אונטער וועגנס בין איך געפֿאָרן מיט אַ שיף, אַעראָפּלאַן און העליקאָפּטער און געמאַכט אַ פּאָר קורצע עקסקורסיעס, נאָר ניט איבערגענעכטיקט אין אַ געצעלט). כ׳דאַרף דאָ וואַרטן עטלעכע טעג אויפֿן אַעראָפּלאַן אַהיים (נאָר איין מאָל אַ וואָך קיין קאַנאַדע און די פֿאַראייניקטע שטאַטן). אַ ביסל שפּאַצירן, אַ סך זיצן, עסן און לייענען. 4

מײַן ייִדיש־לערער האָט מיר רעקאָמענדירט די „לאַבזיק[14]“־ביכער, פֿון כאַווער פּאַוווער[15] (כ׳האָב זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ אים וועגן ביכער וואָס זײַנען לײַכט, קליין און גרינג). די מעשׂיות זײַנען זייער שיין ; אין מײַנע קינדער־יאָרן האָבן מיר ניט געהאַט קיין רויטן הונט, אָבער אַ סך סצענעס זעען אויס גאַנץ קענטלעך. אין אָט דעם קליינעם אַעראָפּאָרט־האָטעל איז דאָ דווקא אַ פֿײַנער, אַן עלעגאַנטער רעסטאָראַן. זיץ איך דאָרט בײַ אַ פֿײַנעם, אַן עלעגאַנטן וואַרמעס. אַז מען איז אַליין, קען מען לייענען בײַם עסן. לייען איך מײַן „לאַבזיק“.

גייט פֿאַרבײַ אַ פֿרוי בײַם טיש, בעת איר מאַן באַצאָלט פֿאַר זייער מאָלצײַט. דערזעט זי דעם „לאַבזיק“ און גיט אַ זאָג אויף אַ קול : – ייִדיש ! אַ ייִדיש בוך !

– האַ ? הע ? אָ יעס..., שטאַמל[16] איך האַלב אויף ענגליש. די פֿאַרגאַנגענע צען טעג האָב איך כמעט ניט גערעדט אויף גאָר קיין שפּראַך. אָבער טראַכטן טראַכט איך : ווי קען זײַן ? אויב איך בין דער צפֿונדיקסטער ייִד אויף דער וועלט, מיט וועמען זאָל איך זיך ריכטן רעדן ייִדיש ?

– וואָס טוט אַ ייִד אין גרינלאַנד ? פֿרעג איך זי.

– שפּאַצירן, זאָגט זי. פֿון וואַנען קומט איר אַהער ?

– פֿון מאַסאַטשוסעטס, אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. און איר ?

– פֿון ישׂראל, זאָגט זי.

איידער איך קען אויסטראַכטן נאָך עפּעס צו זאָגן אויף ייִדיש, מאַכט איר מאַן מיט דער האַנט און רופֿט אויס אַז זיי מוזן אויף גיך גרייטן זיך פֿאַרן פֿלי אַהיים, דער אַעראָפּלאַן פֿליט באַלד אַוועק.

– זײַט געזונט... פֿאָרט געזונט... אַ גוט יאָר ! און זיי זײַנען אַוועק.

פּונקט אַזוי ווי מע זאָגט : גייט ווו איר ווילט אויף דער גאַנצער וועלט, וועט איר געפֿינען עמעצן וואָס קען רעדן ייִדיש. און אַ סוף צום גערייד פֿון די צפֿונדיקסטע ייִדן.

אָבער איך האָב אַ לעצטע פֿראַגע, אַ קלאָץ־קשיא[17] : זומערצײַט אינעם אַרקטיק, פֿון מײַ ביז סוף יולי קען מען גאָר ניט זען קיין שטערן, אַפֿילו ניט אײנעם, אָפּגערעדט פֿון דרײַ. איז טאָמער געפֿינט זיך אַ ייִד אַ פֿרומער דער צפֿונדיקסטער, וואָס טוט אַזאַ ייִד צו באַשליסן בײַ זיך ווען דער שבת ענדיקט זיך ? איך וואָלט דאָס שטאַרק געוואָלט וויסן.

**בעריש גאָלדשטיין**

13. tente/tent ; 14. *מעשׂיות וועגן אַ קלוג הינטעלע, לאַבזיק*, ניו־יאָרק 1935 פֿון כאַווער פּסעוודאָנים פֿון גרשון אײַנבינדער (1900–1964), שרײַבער פֿון ראָמאַנען, נאָוועלען ; 15. פּאַווער און קינדערביכער; 16. bégaie/stammer ; 17. KLOTS-KASHE question sans réponse/question without an answer.


**מעדעם־ביבליאָטעק**

Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
e-mail : medem@club-internet.fr

AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03
Tel./fax : 01 42 71 30 07

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :
אליעזר, אַניק, בערטראַן, ברוניד,
גאָלדע, זשיל, יצחק, מרים,
נאַטאַליאַ, רובי


